# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XII., No. 9 50 CENTS A YEAR MAY, 1930

## DID OUR FOREFATHERS TELL THE TRUTH?

### A Gentile Wants To Know

I am a Gentile. I was born that way. I cannot call Abraham my great grandfather, nor Moses my great Law-giver. God never took my forefathers out of Egypt, nor did He bring them into the promised land. I cannot claim ancestry from that beautiful shepherd boy of the Judean hills, David; nor can I connect myself by blood to the great King Solomon.

Your forefathers used to call my forefathers, dogs! And they would not so much as eat from the same table with my kin. I was an outcast, a stranger at the door, an alien from the commonwealth of Israel, and I had no hope, and I was even without a God in the world!

But one day I got hold of a book called the Bible. And I began to read it, and you can imagine how astounded I became when I began to discover as I read on and on, that this Bible was all written by you Jews; that in it, God tells about Himself, but He uses Jews through whom to tell it.

### What I Discovered.

And I learned that God called you out to be the missionaries of the world, that you should come to us gentiles and convert us to become Jews, and believers in God. But your forefathers refused to do this; instead they became proud, boastful and sinful. And I learned further, that God sent your forefathers great prophets, like Jeremiah, Zechariah, Ezekiel, Amos. But you stoned some and some you killed.

And I read on, and I found that God at last said He would try one thing more. He would send His only begotten Son, the Lord Jesus Christ. And He did that; and shocking to say, your forefathers, some of them actually delivered Him to the Romans to be crucified! But He was God, and on the 3rd day, He arose from the grave!

And I discovered that because of this, I, altho born a Gentile, with no hope, could become a child of God by accepting this Son of God as the One who alone can save me from my sins.

And I said, "Oh, God, I believe that thou didst send thine only begotten Son, the Lord Jesus Christ, into the world, and that He was crucified for my sins. I lay upon Him all my sins, and I ask thee to make me thy child." And a strange peace came into my soul, and I knew that moment that I had been born again and had become a child of God.

### I Believe the Jews.

Now I believe every word which those Jews wrote in the Bible. If I did not believe what you Jews told me, I would not have a single hope in the world. I would not know which way to turn, I would be as the very dog in the street.

Imagine my surprise, therefore, when I found after I had accepted the Lord Jesus Christ and had become a child of God, that you Jews today do not believe in the Lord Jesus Christ, that many of your Rabbis do not even believe there was an Abraham or Moses. And many others do not believe that wonderful account of how God made the heavens and the earth!

For a long time I was greatly troubled. Whom should I believe? The Jews of today, or the Jews of 2000 years ago? If the Jews of today are telling the truth, then the Jews of 2000 years ago told lies; if the Jews of 2000 years ago told the truth, then the Jews today are telling me lies. And it did seem to me that you Jews ought to stick together and not make each other liars!

But I asked myself, what motive is behind each Jew? What did the Jews of 2000 years ago gain by telling me about God and about His Son, and about my sins? And what does the Jew of today, gain by telling me that God doesn't exist, the Bible isn't true, there never was a person called Christ?

And I found that the Jews of 2000 years ago gained **nothing** by telling me of the Lord Jesus Christ—quite the contrary, **they lost everything!** Stephen was stoned to death; Peter was crucified with his head downward, by order of Nero. Paul was first scourged, and seven lictors successively whipped his naked body, and after that he too was crucified. St. James was hanged against a pillar; St. Thomas was surrounded while at private prayer one morning; they shot at him a shower of darts, then one of the priests ran him through with a lance. And each one died calling upon the blessed Name of the Lord Jesus Christ! And not one of them died a millionaire! They all died paupers!

And I found that the Rabbis and other Jews of today who deny all these wonderful facts are getting large salaries, and are living in luxury undreamed of by those martyr Jews of 2000 years ago. And I never yet heard of a Jewish Rabbi being hung, or being crucified, or even being whipped, because he said that the Lord Jesus Christ did not live, or that the Bible is not true.

And so in my own mind, there is not the least shred of doubt. I believe the Jews of 2000 years ago, and down in my heart I **know** they told the truth, for God has given me the sure knowledge which I am certain He will give to you, if you only want it and seek it earnestly.

But I still wonder; and I still would like to ask a question; why do you Jews tell the world that your great grandfathers told lies? I am only a Gentile, but I believe what your Jewish forefathers told me, and I love your Jewish Saviour, the Lord Jesus Christ. And I want, oh so much, that you shall come back to Him. Won't you?

---

**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

---

Williamsburg Bridge Plaza

235 South 4th Street, at

**Brooklyn, N. Y.**

---

**We Want Your Subscription.**

**If you are receiving The Shepherd of Israel and have not subscribed for it yourself, it is because someone else has subscribed for you.**

**Please notice that we do not send The Shepherd of Israel to any one unless it has been ordered and paid for. Sometimes a friend will buy from us a dozen or more copies, and will mail the papers to others. Over such mailings we have no control.**

**The Shepherd of Israel is being received by thousands of prominent Jews in America each month; among them are lawyers, doctors, merchants, bankers, and rabbis. Many are writing us to say how much they enjoy the paper. They are beginning to realize that after all they have no future hope aside from the Lord Jesus Christ, their Saviour and Messiah.**

**The subscription price of The Shepherd of Israel is 50c a year. Remittance can be sent either in stamps or by postal money order.**

**Become a Subscriber Today.**

**Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

וואָלטען באַדאַרפט טהון ווען זיי וואָלטען נור מעהר מורא געהאַט פאַר גאָט ווי פאַר מענשען. זיי טהון עס אָבער ניט און אַטאַקירען נאָך אַנדערע וואָס טהון עס יאָ. אוי לאותה בושה ! !

קורץ: דער גרעסטער טייל פון אַן ערך פון אַ פערטעל מיליאָן אידען וואָס גלויבען אין ישוע המשיח (כן ירבו) באַשטעהען פון אַ קלאַס פון יהוס, אינטעליגענץ, געלערנטע און געוויסענהאַפטע אידישע מענער און פרויען. דיעזעס בלאַט איז צו-קליין אויסצורעכענען אַלע נעמען פון די פיעלע אידישע גּעניוסען וואָס האָבען געגלויבט אין ישוע המשיח ווי צב״ש, לאָרד ביקאָנספיעלד דיזרעאלי די הערשעלס, א.ז.וו. מיר פרעגען נאָכאַמאָל, וואָס איז די ערקלעהרונג וועגען דיעזע פינאַמינאַלע ערשיינונגען אין׳ם אידענטום?

עס איז נוצלויז צו זידלען און צו שימפען דיזע אַלע נאָבעלע און גרויסע פערזעהנליכקייטען וואָס גלויבען אין ישוע המשיח, אַזוי ווי ס׳האָבען געטהון אידישע שריפטשטעלער אין בעצוג צו דזשייקאָב שיף׳ס אייניקעל. יענע קליין-קעפּיגע חברה האָבען דוקא געוואָלט אַז מאָרטימער שיף, דער פאָטער פון דעם מיידעל וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסט, זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון אידישער טהעטיגקייט, ער זאָל רעזיגנירען פון דער שוהל, א.ז.וו. דאָס צייגט נור אַן ענגהערציג-קייט, אַ דעמאָראַליזירטער כאַראַקטער וואָס האָט קיין רעספּעקט פאַר אַ איד וואָס האָט פיעל גוטעס געטהון פאַר דער מענשהייט.

דער איינציגער ענטפער צו דיעזער פּראָבלעמע איז: אַז אין דער איצטיגער אידישער רעליגיאָן געפינט מען ניט דעם געוויסען באַלזאַם וואָס זאָל היילען אַ געבראָכענע האַרץ. מען געפינט ניט דאָרט די זיסע האָפענונג וואָס די נשמה פערלאַנגט. דער איד לעבט אין ליידען, און שטערבט אין פערצווייפ-לונג. ניט ער ווייסט פון גליק און צופרידענהייט ביים לעבען, ניט ער ווייסט וואו ער וועט אהין געהן נאָך׳ן אָבשטערבען. יאָ דערפאַר וויינט און קלאָגט נעביך אַ איד בעפאָר ער געהט אַוועק פון דיעזער וועלט, ווייל ״באין מליץ יושר מול מגיד פשע״, ניט האָבענדיג דעם מליץ יושר, ישוע המשיח, אַז ע ר זאָל איהם אַמאָל דאָרט אויבען אַ טובה טהון ווייל נור ישוע המשיח אַליין איז געוואָרען דאָס קרבן פאַר אונזערע זינד כדי פאַר אונז אויסצו-ווירקען חיי עולם, ישוע המשיח זאָגט אין יוחנן 14, ״ואני הלך להכין לכם מקום, ואחרי אשר אלך ואכין מקום לכם שוב אשוב ולקחתי אתכם אלי למען תהיו עמי שם באשר אהיה״.

צוליעב דיעזע האָפנונג פון חיי עולם לוינט זיך אויך אפילו אַביסעלע צו ליידען פאַר אונזער אמונה בישוע המשיח דאָ אויף דער וועלט. יעדער וואָס האָט נור אַ דענקונגס חוש, בפרט ווען מ׳איז ניט אונוויסענד, און מ׳יאָגט זיך ניט נאָך געלד און נאָך כבוד, און ווען מ׳האָט אַביסעלע מורא פאַר גאָט, מוז מען זיך באַקענען מיט ישוע המשיח, אויף וועם גאָט ב״ה האָט געזאָגט: ״זה בני ידידי ב ו רצתה נפשי אליו תשמעון״. (מתתיהו י״ז, 5)

ישוע המשיח איז דאָס לעבען פון דער מענשהייט, (יוחנן ו. 35) ער איז דאָס ליכט פון דער וועלט (יוחנן ח. 12) ער איז דער כ ח וועלכער האַלט און שיצט דאָס אידישע פאָלק פון אַ גענצליכען אונטער-גאַנג, דורך די שטענדיגע גוטע קריסטליכע מליצים פאַר׳ן פאַרפאָלגטען איד אין אַלע גלות לענדער. און ער וועט באַלד קומען צום צווייטען מאָל אַלס מלך המשיח: ״והוא יפנה ברחמיו שנית לעיני כל חי״. און ס׳וועט מקוים ווערען די נבואה פון זכריה י״ב: ״והביטו אלי את אשר דקרו״. יאָ דאַמאָלס וועלען אַלע זעהן אַז די מיסיאָנערען האָבען דעם א מ ת געזאָגט אַז ישוע איז דער משיח ישראל.

---

איהר זענט דאָך אַ איד, טאָ וואָרום זאָלט איהר ניט וויסען ווער דער אידישער משיח איז? קומט צו אונזערע פערזאַמ-לונגען פרייטאַג און זונטאַג, 8 אוהר אבענד, וועלען מיר דאָס אייך ערקלערען.

---

## דער פעדלער איז געהאָלפען געוואָרען

א געוויסער פעדלער מר׳ מ. איז אריינגעקומען אין אַ פעדלער סופּליי סטאָר איינצוקויפען סחורה. דער פעדלער האָט אָבער נישט גענוג געלד געהאַט צו באַצאָהלען פאַר דער גאַנצער סחורה, האָט ער דעם סטאָר-קיפּער געבעטען אַז ער זאָל איהם דאָס איבריגע צו-באָרגען, ביז ער וועט דיא סחורה פאַרקויפען און צוריק קומען נאָך נייע סחורה און דאַמאָלס דעם חוב באַצאָהלען.

ויהי היום, דער פעדלער איז דאָ. ער האָט טאַקע פערקויפט דיא געבאָרגטע סחורה, און ברויכט טאַקע נייע סחורה, ס׳האָט איהם אָבער אַ געוויסע סיבה געטראָפען און קען ניט באַצאָהלען דעם אַלטען חוב, דערפאַר בעט ער דעם סטאָר-קיפּער אַז ער זאָל איהם וואַרטען מיט׳ן חוב און איהם נאָך צו-באָרגען נייע סחורה.

דער סטאָר-קיפּער האָט אָבער דערפון ניט גע-וואָלט וויסען און האָט איהם קיין נייע סחורה נישט געוואָלט געבען ביז ער באַצאָהלט ניט דעם אַלטען חוב. דער פעדלער איז במילא אומעטיג ארויס פון׳ם סטאָר. וואָס טהוט מען? קיין סחורה און קיין געלד!

אַזוי שטעהענדיג פאַר׳צרה׳ט פאַרטראַכט, געהט דורך אַ גוטער פריינד און פרעגט איהם ״מדוע פניך רעים היום?״. און דער פעדלער האָט איהם זיין גאַנץ פעקעל צרות דערצעהלט וועלכעס האָט דעם ״פריינד״ שטאַרק בעריהרט און איז מיט׳ן פעדלער אריין צוריק אין סטאָר, ער האָט פאַר איהם באַצאָלט דעם אַלטען חוב און איהם געשאַפט אַ גוטען קרעדיט אויך פאַר דער צוקונפט, וועלכעס דער פעדלער האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסען, תמיד לויבענדיג יענעם גוטען מאַן פאַר זיין גרויסער טובה וואָס האָט איהם געשטעלט אויף די פיס.

אָט-אָ-דאָס האָט ישוע המשיח געטהון פאַר אונז אידען, נור אין אַ גרעסערען מאַסשטאַב.

מיר אידען וואָס זענען אין דער בחינה פון יענעם פעדלער, האָבען אַמאָל געזאָגט ״נעשה ונשמע״ און גאָט ב״ה האָט געזאָגט צו אונז אידען: גוט, איך וועל אייך גלויבען און פערטרויען, אָבער געדענקט, ״ונפש החטאת תמות״, איהר וועט מוזען באַצאָהלען אייער חובן

מיר קומען אָבער יעדען ר״ה ויו״כ בעטען נייען קרעדיט, און באַצאָלען דעם אַלטען חוב קענען מיר ניט. דאָס פאַסטען טויג ניט. די כפּרות טויגען אויף אַ גוטע כפּרה. די תפלות העלפען אויך ניט. (ישעיה א, 11-16) יאָ, אַלע אונזערע מעשים טובים זיינען אַזויפיעל ווערט וויפיעל אַ שמוציגעס בגד. (ישעיה ס״ד, ה) גאָט זאָגט: כי ה ד ם הוא בנפש יכפּר״ (ויקרא י״ז) ד״ה, נור דאָס בלוט קען באַצאָלען דעם חובן געוואַלד, וואָס איז דאָ צו טהון!

אָט-אָ-דאָ איז ישוע המשיח אויף דער סצענע געקומען און האָט פאַר אונז באַצאָלט דעם אַלטען חוב מיט זיין אייגענעם בלוט און מיט זיינע ליידען. (ישעיה נ״ג) און אַזוי-נאָך פאַר אונז אויך געשאַפען אַ גוטען קרעדיט ביי גאָט ב״ה. אַזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ״ג: ״אם תשים אשם נפשו יראה זרע יאריך ימים וחפץ ד׳ בידו יצלח״.

---

## דער איד אונד דער משיח

פּאָעמע פון מאַרק לעוו.

א.

הלואי וואָלסטו שוין לאַנג מיין ברודער געוועהן!
דו האָסט דאָך געזויגען פון מיין מוטער׳ס ברוסט.
הלואי, ווען איך האָב אויף דער גאַס דיך דערזעהן,
וואָלט איך דיר אַנטקעגען געלאָפען מיט לוסט!

הלואי וואָלט איך דיר געקושט מיט גרוים פרייד,
און וואָלט דיך געבראַכט אין מיין מוטער׳ס הויז;
איך וואָלט דאָך געוויס ניט געוואוסט פון קיין לייד,
און וואָלט פון דעם גלות געווען שוין לאַנג לויז.

נור וועה! צו מיין אונגליק בין איך געווען בלינד,
מיין אויער איז מיר דאַן געוועזען פערשטאָפּט,—
איך האָב ניט פערשטאַנען, אַז דו ביזט גאָט׳ס קינד,
און ס׳האָבען דיך פרעמדע פון מיר אויסגעכאַפּט...

ב.

פרעמדע האָבען גע׳ירש׳ענט מיין ירושה,
וואָס האָבען מיין פאָטער קיינמאָל ניט געקענט:
וויא אַ יתום פערטריבען פול בושה,
בין איך פון מיינע איינענע ווענט.

צווישען פעלקער פערשאָלטען און נמאס,
בלאָנדזשע איך שוין צוויי טויזענד יאָהר:
אין דער פינסטער, ווען אויף אַלע אומות
לייכט זיין שיין אַזוי העל, אַזוי קלאָהר.

אַלע בענשען זיך נאָר אין זיין נאָמען,
און זיי פרעהט די ירושה פון מיר!
נאָר איך נעבעך אברהם׳ס וואהרער זאָמען,
האָב קיין מינדעסט חלק אין איהר.....

---

## בית שר שלום

**קאָרנער טרופּ עוו. און וואָלטאָן סטריט**

קומט צו אונזערע פערזאַמלונגען:

**פרייטאַג נאַכט, 8 אוהר . . פיר מענער און פרויען**
**זאָנטאַג נאַכט, 8 אוהר . . . פיר מענער און פרויען**
**מאָנטאַג נאַכט, 8 אוהר . . . . . . טעסטימאָניעל**

וועלכער איז אן אויפריכטיגער, מוטהיגער און טאפפערער מאן און האט קיין מורא פאר מענשען. דר' קלויזנער האט נעמליך געשריבען א בוך וועגען יעזוס פון נצרת און ער האט די גאנצע געשיכטע אזוי באשריבען פונקט ווי עס איז באשריבען אין ברית חדשה. האט ראביי וויז אפנים נישט געוואלט הינטערשטעליג בלייבען האט ער דאמאלס א בורטשע גענעבען עפעס וועגען משיח ישוע אין זיין דרשה.

דר' קלויזנערס בוך האט פון ראביי וויז אוועקגענומען זיין איגנאראנץ וועלכעס האט איהם באהערשט אזוי ווי אלע אנדערע אידען און דערפאר איז ער דאמאלס ארויס געטרעטען מיט יענער דרשה, אבער אין זיין הערץ איז נאך טאקע פארבליבען דער אלטער חורבן, נעמליך דער חסר אמונה, דערפאר האט דער קהל'ישער "ויצעקו" אויף איהם געמאכט אזא גרויסען רושם מיט דעם פועל יוצא אז זיין מויל איז צוגעשלאסען געווארען און שטעהט נאך אלץ פארשלאסען.

וואלט ער אבער נישט זיין א פייגלינג וואלט זיין מויל שוין גאר געהאט וואס צו רעדען וועגען ישוע המשיח!

עס איז אבער דא נאך אן אורזאך פארוואס ראביי וויז'ס מויל איז צוגעשלאסען — ישוע המשיח האט אמאל צו אידען געזאגט אין ירושלים וויא אזוי קאנט איהר ליעבען גאט ווען איהר זוכט כבוד איינער פון אנדערן". ראביי וויז האט אין זיין קהלה אסאך כבוד און ווען ער וועט גלויבען אין ישוע המשיח וועט דאך שוין זיין אויס־כבוד, זיין כבוד וואלט פערלוירען געהן.

די וואס ליעבען גאט און גלויבען אין ישוע המשיח זוכען נישט קיין כבוד.

---

## דער פסח וואס אידען ווייסען נישט

פיעלע רבנים וואלטען אפשר גאר נישט געוואלט גלויבען אז אידען ווייסען נישט וואס פסח מיינט. נישט זיי ווייסען וואס דאס ווארט פסח בעדייט און נישט זיי ווייסען וואס דער יו"ט פסח איז אמאל געוועזן.

דעם פערגאנגענעם פסח האט דער שרייבער פון דיעזען ארטיקעל געהאט א געלעגענהייט זיך צו בעגעגענען מיט א חברה אידען. ביי יענעם געשפרעך איז אויסגעקומען צו שטעלען א פראגע "וואס איז דאס פסח?„ ד"ה. פארוואס האלטען אידען פסח און וואס בעדייט דאס ווארט פסח?. אלע זענען שטיל געבליבען נור איינער וועלכען מ'האט געהאלטען פאר א יודע ספר האט געענטפערט בזה הלשון:—

"פסח אין לשון קודש הייסט א טיהר און ווייל מיר עפענען אויף די טיהר פאר אליהו הנביא אז ער זאל קומען און טועם טעם זיין פון כוס של אליהו דערפאר הייסט דער יו"ט פסח.

מיר וואלטען קיינמאל נישט חושד געוועזען אז א איד זאל זיין אזא גרויסער עם הארץ, און דאך זענען בעונותינו הרבים אזאלכע פיעלע פאראן און מי יודע וויפיעל! ווער איז אבער די שולד פון דעם גרויסען עם־הארצות'קייט צווישען אידען?

א גרויסע פאראנטווארטליכקייט ליגט אויף די פלייצעס פון די רבנים. די רבנים האלטען אין איין דרש'ענען צו אידען פון גמרא און פוסקים, צוזאם שלעפענדיג א בארג מיט א בארג, און מ'שטיינס געזאגט וואס קאן דען א פשוט'ער איד גאר לערנען פון אזאלכע דרשות?!

לערנענדיג דאס ברית הדשה וועט איהר קיינמאל נישט געפינען קיינע פארדרעהטע זאכען און נישט קיינע אונפערשטענדיגע זאכען ווייל ישוע המשיח האט נאר תמיד גערעדט ריינע און אפענע ווערטער פון גאטס ווארט.

ווען די רבנים זאלען זיך וועלען לאזען לערנען פון ישוע המשיח און דאסזעלבע אויך באלעהרען אלע אידען וואלט נישט זיין אזאלכע עמי הארצים צווישען זיי.

---

## עס יודעלט זיך צווישען קריסטען און עס קריסטעלט זיך צווישען יודען.

ווייל אידען ווערען קריסטען יודעלט עס זיך צווישען קריסטען, און עס קריסטעלט זיך צווישען יודען, ווייל אידען הויבען אן איינצוזעהן אז די קריסטען האבען דעם אמת.

עס וועט זיין איין איבעראשענד שטיקעל נייעס צו פיעלע פון אונזערע ווערטהע לעזער צו וויסען אז עס געפינט זיך היינט-צו-טאג אייניגע פון די פארנעהמסטע אידישע פאמיליען אין ניו יארק וואס זענען אויסגעמישט מיט קריסטען. אייניגע דורך הייראט, און אנדערע ווידער אויס איבערצייגונג פון תורה נביאים וכתובים אז ישוע המשיח איז דער אמת'ער משיח אי פאר אידען און אי פאר גוים.

צו ערשט לאמיר אייך דערצעהלען וועגען דעם שידוך פון די טאכטער פון מארטימער שיף, אן אייניקעל פון דעם פארשטארבענעם פילאנטראפ דזשייקאב שיף וועלכע האט חתונה געהאט מיט א קריסט.

די חתונה איז געפראוועט געווארען אין איינע פון די רייכסטע עפיסקאפאלישע קירכען אין ניו יארק, און דער מסדר קידושין איז געוועזן, דער בעקאנטער בישאפ "שיפמאן".

דיעזע ערשיינונג איז פון גרויסער באדייטונג: אונזערע פאנאטישע אידישע ברידער, די וואס האלטען זיך בלומרש פרום, (מישטיינס געזאגט, וואסארא פרומקייט מ'קען געפינען ביי אידען אין אמעריקא) זיי האבען א כלל, אז ווען א איד ווערט א קריסט, האט ער דאביי א מאטעריעלען מאטיוו. צב"ש: אז קריסטען באצאהלען אסאך געלד פאר א אידישע נשמה וואס ווערט א קריסט; וואס קענען זיי אבער זאגען צו דעם אויבען דערמאנטען פאל? דזשייקאב שיף האט איבערגעלאזט אסאך מיליאנען פאר זיינע קינדער, האט דאך די טאכטער פון מארטימער שיף געהאט געלד, די והותר, טא פאר וואס איז זי געווארען א קריסטליכע פרוי? וואסארא פירוש קען מען גאר מאכען וועגען דעם קריסטליכען ווינד וואס האט אריין געווארפען א פונק פון קריסטענטום אין דער משפחה פון דזשייקאב שיף, די שעהנסטע אידישע משפחה אין אמעריקא?

דאס איז אבער ניט די איינציגע פאסירונג אין דער אידישער גאס פון שעהנע משפחות פון פילאנטראפיע, יחוס, אינטעליגענץ און לומדות! דער זוהן פון דעם באריהמטען "אונטערמייער" האט אויך חתונה געהאט מיט א קריסטליכע פרוי, אין א טשוירטש אין ניו יארק!

די פערנאנטע משפחה "שטערן" האבען אויך קריסטען אין זייער מיט!

נישט לאנג צוריק האמיר ערשט געלעזען איבער דעם ערשט פערשטארבענעם דאקטאר טרעוועס פון לאנדאן, וועלכער האט געשטאמט פון'ם גרויסען גאון "רש"י", און אט דער דאקטאר איז געוועזן כל ימיו א גלויביגער אין ישוע המשיח.

דער שרייבער פון דיזע צייל[ען] האט אונלענגסט באגעגענט א איד פון דעם רמבם"ס משפחה וועלכער גלויבט אין ישוע המשיח.

דער שרייבער האט אויך געקענט דעם באריהמטען רב און גאון "ליכטענשטיין" פון אונגארן וועלכער האט עפענטליך באקענט זיין אמונה אין ישוע המשיח: אט־א־דער גאון האט עס אודאי און אודאי ניט געטהון פאר געלד אדער פאר כבוד, ווייל כבוד האט ער אסאך מעהר געהאט זייענדיג א רב, צו וועם אלע אנדערע רבנים האבען זיך געווענדעט מיט שאלות ותשובות. האט תמיד באקומען "שישי" אין שוהל, תמיד געזעסען אויף מזרח ביים ארון הקודש, און מען האט סתם אויף איהם געקוקט פון אונטען ארויף. און געלד האט ער אויך קיינמאל ניט געזוכט ווייל ער איז תמיד געוועזן א "שונא בצע". טא פרעגט זיך פארוואס האט ער דאס טאקע געטהון?

די אנטווארט איז: ווייל ער האט געקענט דיא כתבי הקודש וועלכע ווייזען אהין אז ישוע איז דער משיח ישראל. ס'איז טאקע אמת, אז הרב ליכטענשטיין, ווי אלע אנדערע רבנים, לערנען ניט די כתבי הקודש ספעציעל, ער האט אבער אויפריכטיג באהערציגט יענע שטעלען פון'ם תנ"ך וועלכע ווערען ציטירט און אהינגעוויזען אין ש"ס און אין אנדערע ספרים, אז ישוע איז דער אמת'דיגער משיח. צב"ש אין סכה נ"ב געפינען מיר:

"תנו רבנן, משיח בן דוד שעתיד להגלות במהרה בימינו אמר לו הקב"ה שאל ממני דבר ואתן לך, שנאמר, אספרה אל חוק ד' אמר אלי בני אתה אני היום ילדתיך שאל ממני ואתנה גוים נחלתך ואחזתך אפסי ארץ". און ווער קען דען אזוי בלינד זיין און ניט זעהן אז דאס גאנצע קאפיטעל וועלכעס הויבט זיך אן מיט "על ד' ועל מ ש י ח ו" געהט נור אויף ישוע המשיח אין ווען דער "ואחזתך אפסי ארץ" איז ערפילט געווארען.

"און אין ספרי דבי רב האט דער גאון געפונען פאלגענדע שטעלע: אמר ר' יוסי הגלילי צא ולמד זכות מלך המשיח המצטער בעד הפושעים, שנאמר, והוא מחלל מפשענו . . . על אחת כמה וכמה שיזכה לכל הדורות כלן, הדא דכתיב, וד' הפגיע בו את עון כלנו". (ישעיה נ"ג).

"און אין סכה נ"ב געפינט זיך: "האי הספידה מאי עבידתיה . . . חד אמר על משיח בן יוסף שנהרג, היינו דכתיב, והביטו אלי את אשר דקרו וספדו עליו כמספד על היחיד". (זכריה י"ב)

און דער אבן עזרא זאגט ווידער אויף "הנה ישכיל עבדי ירום ונשא וגבה מאד" - ישעיה נ"ג: אמרו קדמונינו ז"ל כי בעת שחרב בית המקדש נולד משיח". ד"ה מיט 2000 יאהר צוריק, אז ערך ווען ישוע המשיח איז געבוירען געווארען.

אט אזאלכע מעהרערע שטעלען האט אונזער גאון הרב ליכטענשטיין געפונען אין תלמוד און אין זוהר הקדוש ברינגענדיג בעווייזע פון די כתבי הקודש אז ישוע המשיח איז אמת וצדק, און דערפאר האט ער עס געגלויבט און אויפגעהערט א רב צו זיין אין דער שוהל און איז בעסער געווארען א תלמיד פון ישוע המשיח, דאס וואס אלע רבנים

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרועה הטוב יוחנן 10·11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל ל״ד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח.

VOL. XII., No. 9 — 50 CENTS A YEAR — MAY, 1930


## טראצקי און סטאלין

ע פעם א שטיקעל נייעס איז געווען פובליצירט אין איניגע אידישע בלעטער אז טראצקי האט שלום געשלאסען מיט סטאלין. טראצקי, דער געוועזענער קריגס דיקטאטאר אין סאוועטישען גן עדן איז שוין א יאהר אין גלות ווייל סטאלין האט איהם פארשיקט און פארשטופט אזש אין דער טירקיי פון וואנען ער האט נישט געקאנט אינער־געץ אוועק פאהרען ווייל סטאלין׳ס חברה האבען אויף איהם אן אויג געהאלטען און האבען איהם זעהר שטרענג בעוואכט.

אט דער טראצקי אזוי באלד ווי ער איז נור עולה לגדולה געווארען און מ׳האט איהם געמאכט פאר קריגס מיניסטער, האט ער זיך באריהמט אז ער וועט אבטהון א גרויס שטיקעל ארבייט, נעמליך ארויסטרייבען גאט פון רוסלאנד, צום סוף איז ער נעביך אליין ארויסגעטריבען געווארען פון דארט. ער האט זיך אפילו געווענדט צו פיעלע לענדער. ווי צו דייטשלאנד, ענגלאנד, שפאניען און עסטרייך אבער קיינער וויל איהם נישט האבען, מ׳היט זיך פאר איהם ווי פון א שלעכטע מכה. איצט הייסט עס יאגבע, אז סטאלין איז אין א צרה וויל ער אפנים אז טראצקי זאל זיין אן "אח בצרה" און איהם העל־פען. אט אזוי לויטעט דאס שטיקעל נייעס. —

אין אמת׳ן אבער, איז עס זעהר שווער צו גלוי־בען, ווייל אפילו ער זאל געצוואונגען זיין צו טראצ־קים הילף וואלט דאס אויך נישט הייסען שלום־געמאכט, ווייל דאס וועט נור זיין פאר א קורצע צייט, גאטס ווארט זאגט אונז "אין שלום לרשעים נאום ד׳". שלום קאן נור קומען אין יענעם הארץ וואו דער גייסט פון ישוע המשיח וואוינט. דאס ווארט שלום מיינט "גאנצקייט", אז דער מענש איז גאנץ מיט זיך אליין און גאנץ מיט גאט.

וויא אזוי קאן אבער א מענש עררייכען גאנצקייט און אייניגקייט אין זיך אליין ווען ער האט די ווי־סענשאפט און באוואוסטזיין פון זינד! די זינד נעגען גאט צושטערט די צופרידענהייט אין מענש־ליכען הערץ און ער איז נישט גאנץ נישט מיט זיך און נישט מיט גאט. די זינד מאכט א צווישענשייד צווישען גאט און צווישען דעם זינדיגען מענטש, אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ״ט, 2: "כי אם עונותיכם היו מבדלים בינכם לבין אלהיכם". ד״ה. אייערע זינד האבען געמאכט א צווישענשייד צווי־שען אייך און צווישען אייער גאט. און ווען א מענש האט נישט די פערזיכערונג אז גאט איז מיט איהם ווי קאן ער רעדען גאר האבען שלום? עס איז א פי־זישע אונמעגליכקייט!

יעדער מענש האט אין זיך א נשמה וואס איז א חלק אלהי ממעל. אט די נשמה ליעבט נישט די זינד וואס דער חומר (קערפער) טהוט, און אזוי ווערט אויך א צווישענשייד צווישען דעם קערפערליכען טייל פון מענש און צווישען זיין נשמה. זיי זענען "שני הפכים בנושא אחד" וועלכע הארמאנירען נישט צוזאם און איז במילא קיין שלום דארט פאראן.

ווען מיר גלויבען אבער אין ישוע המשיח האבען מיר א וואונדערבארע גאנצקייט אין זיך ווייל ישוע המשיח הייסט "עמנואל", (ישעיה ז, 14) דורך איהם וויסען מיר אז גאט איז מיט אונז, די זינד וואס מיר האבען געטהון אין דער פערגאנגענהייט זענען ארויפגעלעגט געווארען אויף איהם און שטע־הען נישט מעהר אין וועג צווישען אונז און אונזער גאט ווייל מיר זענען פעראייניגט מיט גאט דורך דעם קרבן המשיח.

דאסזעלבע איז אויך אין אונזער פערזענליכקייט: אונזער נשמה ווערט צופריעדען ווייל דער חומר (קערפער) גיבט זיך אונטער צו דער נשמה און טהוט נישט מעהר דאס שלעכטע וואס ער פלעגט צו טהון און אזוי נאך ווערט שלום אי מיט זיך אליין און אי מיט גאט. א גאנצקייט אין יעדער הינזיכט.

## ראביי וויז

מ יר וואלטען זעהר גערן וויסען וואס עס טהוט זיך עפעס מיט ראביי וויז? איהר ווערטהע לעזער געדענקט דאך מסתמא אז מיט צירקא צוויי יאהר צוריק האט דער ראביי זיך פלוצים ארויסגע־כאפט, און א דרשה געהאלטען איבער יעזוס, און אין זיינע גרויסארטיגע פראזען און געדרעקסעלטע אויסדרוקען האט ער אויפגעהויבען ישוע המשיח ביז איבער די וואלקענס און פלוצים איז ער נעביך שטיל געווארען.

לויט יענער דרשה וואלט סיי־ווער קענען שליע־סען אז דער ראביי איז א גלויביגער אין ישוע המשיח. טא וואסזשע איז פון דעם ראביי געווארען וואס ער האט זיך עפעס פארשטעקט אונטער די קוליסען און מ׳הערט פון איהם קיין ווארט מעהר וועגען דעם ענין?

יעדע ווירקונג האט אבער אן אורזאך —

געדענקט איהר ווערטהער לעזער וואס ס׳האט זיך דאמאלס — נאך זיין דאמאלדיגע דרשה—אבגע־טהון צווישען די ארטאדאקסישע אידען פון ניו יארק? ! זיי האבען אלע ווי א י י ן מאן אויפ־געהויבען א שרעקליכען "ויצעקו" קעגען איהם. יעדער וואס האט נור געהאט א מויל האט געהאוו־קעט, יעדער וואס האט נור געקאנט האלטען א פען (פעדער) אין דער האנד האט געשריבען, און אזוי זענען אלע קולות און אלע שרייבעכצער ארויפגע־פאלען אויף דעם ראביים קאפ אזוי ווי א שווערע כמארע און דאס האט איהם לגמרי פארשטאפט דאס מויל שוין אונגעפעהר צוויי לאנגע יאהר.

עס איז אפילו פאראן אין דער תורה א מצוה לא תעשה וואס הייסט "לא תחסם שור בדישו". ד״ה. דו זאלסט נישט צושליסען דאס מויל פון אקס ווען ער דרעשט. נור ווען אידען ווערען ברוגז האט עס דען עפעס א שייכות צו גאטס געבאט! מ׳האט אבגעשלאסען דאס מויל פון ראביי וויז און פתח ש — שא!

אט דאס איז דאס אומגליק מיט די אידישע פיהרער, זיי האבען מורא פאר מענשען און נישט פאר גאט וואס הייסט יא גלויבען אין ישוע המשיח. (זעה שמות כ״ג, 20—22, דברים י״ח, 18, 19) וואלט ראביי וויז ריכטיג געוועזן געגלויבט אין ישוע המשיח וואלט ער וויסען וואס ישוע המשיח האט געזאגט אין מתתיה 10: "האט קיין מורא פאר די וואס קאנען הרג׳ענען דעם קערפער אבער נישט די נשמה, נייערט האט מורא פאר גאט וואס קאן פארניכטען אי דעם קערפער און אי דעם גוף".

ווי עס צייגט זיך האט נור ראביי וויז מיט יענער דרשה נאכגעטהון אן אנדערן איד וואס איז מעהר געלערענט פון איהם. דאס איז דר׳ יוסף קלויזנער, דער ראש פון דער אוניווערזיטעט אין ירושלים


Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.